**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעצן צו פארשטארקן העלטקעיר ארבעטשאפט**

***לעגיסלאציע (A3076-A/S447-C) ערלויבט נורסינג סטודענטן צו ענדיגן ביז א דריטל פון זייער קלינישע טרענירונג דורך סימולאציע פראקטיקס***

***לעגיסלאציע וועט צויאגן טרענירונג צו העלפן אדרעסירן נורסינג אויספעל און פארבעסערן קעיר פאר ניו יארקער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (A3076-A/S447-C) צו ווערן געזעץ, צו פארשטארקן ניו יארקס העלטקעיר ארבעטשאפט דורך ערלויבן נורסינג סטודענטן צ עדיגן ביז א דריטל פון זייער קלינישע טרענעירונג דורך סימולאציע פראקטיק. אויפגעזען ביי ניו יארק סטעיט עדיוקעישן אפטייל, גיט סטימולאציע טרענירונג פאר די סטודענטן פראקטיק פון דער ערשטער האנט אין קלינישע סביבות אין דער צייט וואס ערלויבט נורסינג עדיוקעישן פראגראמען אנצובאטן מער אפציעס פאר קלינישע עדיוקעישן. וויבאלד ניו יארק סיטי גייט אדורך א נורסינג אויספעל, קען פארפשרייטונג פון סימולאציע פראקטיק העלפן צויאגן טרענירונג און צושטעלן אן אנפלייץ פון נורסעס וואו מ'דארף זיי האבןאממערסטנס.

"אונדזערע נורסעס זענען געווען אומשוצבאר צו אונדזער העלט סיסטעם, ספעציעל ביי דער פענדעמיק, אבער צו אפט פילן זיי איבערגעשטרענגט צו טון די ארבעט וואס זיי האבן ליב, וואס איז פארגרעסערט געווארן דורך דעם יעצטיגן מאנגעל אין נורסינג, **"האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך שרייב אונטער מיט שטאלצקייט לעגיסלאציע צו פארשטארקן אונדזער העלטקעיר דורך צויאגן די טרענירונג און ערלויבן מער פעאיגע נורסעס אינעם ארבעטשאפט צו פארבעסערן קעיר פאר אלעמען און שאפן א פארזיכערטערע, געזונטערע ניו יארק."

לעגעסלאציע (A3076-A/S447-C) ערלויבט ביז א דריטל פון דער קלינישע עדיוקעישן אין נורסינג סערטיפיקאט און דיפלאם פראגראמען צו ווערן געפארטיגט דורך סימולאציע פראקטיק. דאס וועט מאכן נורסינג עדיוקעישן מער צוגענגלעך, צו העלפן אדרעסירן ניו יארקס נורסינג אויספעל, וואס איז פלאנירט צו גרייכן אן ארבעטשאפט געברויך פון קרוב צו 40,000 איינגעשטעלטע ביז 2030. טרענירונג געברויך צו ווערן א הויך-קוואליפיצירטע נורס אין ניו יארק פאדערט קלינישע פאזיציעס אין א שפיטאל פיקסירונג, און ביז סטודענטן ענדיגן די פאזיציעס, קענען זיי נישט באקומען זייער לייסענס און אנטייל נעמען אין די ארבעטשאפט. מיטן ערלויבן מער סימולירטע טרענירונג, וועט עס דערמעגלעכן נורסינג פראגראמען צו פארברייטערן זייער פעאיגקייטן צו עדיוקעיטן סטודענטן וואס ווילן שטארק ווערן נורסעס, אדרעסירן דעם אויספעל, און פארזיכערן הויך-קוואליפיצירטע קעיר פאר מיליאנען ניו יארקער. אויסער ניו יארק, איז הויי-טעק, הויכע קוואליטעט סימולאציע טרענירונג שוין איינגעפירט אין 31 סטעיטס.

**סטעיט סענאטארי טאובי און סטאוויסקי האט געזאגט,** "מיר רעדן שוין וועגן דעם נורסינג אויספעל יארן לאנג און יעצט ענדלעך טוען מיר עפעס דערוועגן. דורך זיך באניצן מיט טעכנעלאגיע צו סימולירן קלינישע טרענירונג, וועלן מיר גראדואירן א נייעם דור פון ניו יארק טראנירטע נורסעס מיט דירעקטע פראקטיק. אין יעצטיגן מאמענט, טוען נורסינג פראגראמען אוועקשיקן קוואליפיצירטע אפליקאנטן. מיט דער לעגיסלאציע, וועט ניו יארק זיך משתתף זיין מיט 31 אנדערע סטעיטס צו ערלויבן סימולאציע פראקטיק. זעלטן וואס איך האב געזען אזא אחדות אויף א ביל. דאס געזעץ קומט ארויס פון א קאלאבאראציע צווישן אלע פאראינטערעסירטע. גאווערנער קעטי האקול, אסעמבלימיטגלידערס, דאנא לופארדאן און פאט פאהי, לעגיסלאטיווע פירער און פערסאנאל, CICU, SUNY, און CUNY קאנצלערס און SED."

**אסעמבלימיטגליד דאנא לופארדאו האט געזאגט,** "ערלויבן ביז א דריטל פון די קלינישע טרענירונג צו זיין סימולאציע-באזירט וועט העלפן אדרעסירן NYs נורסינג אויספעל, בעת אויסשטעלן די סטודענטן צו א ווערטפולע, דירעקטע לערן פראקטיק. איך האב אבסערווירט די טרענירונגען אין בינגהעמטנס אוניווערסיטעטס דעקער קאלעדזש פון נורסינג, און בין נתפעל געווארן ווי עכט די מאדערנסטע סימולאציעס קענען זיין. איך וואלט געוואלט דאנקען די גאווערנערין פארן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע, סענאטאר סטאוויסקי פאר איר שותפות, און פאר דעם שטיצן פון אזוי פול אנדערע, ווי אויך SUNY קאנצלער קינג, CUNY קאנצלער מאטאס-ראדריגעס און CICU."

**סטעיט העלט קאמישאנער פארטרעטער דר. דזשעימס מק'דאנאלד האט געזאגט,** "די לעגיסלאציע וועט צוגעבן מער קוואליפיצירטע און פראקטיק-גרייטע נורסעס צו דער העלטקעיר ארבעטשאפט. איך דאנק גאווערנער האקול פאר נאכאמאל ווייזן איר איבערגעגעבנקייט צו דער העלט פון אונדזערע קאמיוניטיס און צו פארבעסערן מצבים פאר יענע וואס זענען איבערגעגעבן פאר פאציענט קעיר איבער ניו יארק סטעיט, און דאנק סענאטאר סטאוויסקי און אסעמבלי מיטגליד לופארדאו פארן שטיצן דעם ביל."

**באורד אוו רידזשענטס קאנצלער לעסטער וו. יאנג, דזשוניאר האט געזאגט,** "נורסעס זענען איבערגעגעבן, קריטישע העלטקעיר פראפעסיאנאלן וואס דינען טייל פון אונדזער אומבאשיצטסטע באפעלקערונג. די באורד אוו רידזשענטס זענען זיך מתחייב צו טון אלעס וואס זיי קענען צו העלפן אפשטילן די נורסינג אויספעל וואס פארכאפט אונדזער העלטקעיר סיסטעם מיט פאליסיס צו פארבעסערן און פארלייכטערן קלינישע עדיוקעישן צו צוגרייטן מער צוקונפדיגע נורסעס פאר עכטע-וועלט, פיקוח-נפש'דיגע סיטואציעס."

**סטעיט קאמיסיאנערין בעטי א. ראזא האט געזאגט,** "אונדזער ערשטע פריאריטעט איז אייביג פובליק שוץ. מיר ארבעטן האנט ביי האנט מיט פאראינטערעסירטע אויף דער וויכטיגער לעגיסלאציע צו פארזיכערן אז קוואליטעטע סימולאציע פראקטיק אין נורסינג עדיוקעישן פראגראמען איז קלאר דעפינירט כדי צו צוגרייטן נורסינג סטודענטן פאר פארזיכערטע, עפעקטיווע, אנהייב פראקטיק. מיר זענען דאנקבאר פארן גאווערנער און לעגיסלאטור פאר זייער קאלאבאראציע און באוויליגונג צו פארזיכערן אז קלינישע סימולאציע ווערט גענוצט געהעריג און פאראנטווארלעך, געבנדיג אונדזערע נורסעס די בעסטע עדיוקעישן און פריאריטיזירן פובליק פארזיכערונג."

**SUNY קאנצעלער דזשאן ב. קינג, דזשוניער האט געזאגט,** "איך לויב גאווערנער קעטי האקול פארן שטיצן די טרענירונג פון ניו יארקס נעקסטן דור פון נורסעס דורך אונטערשרייבן אזא וויכטיגע שטיקל לעגיסלאציע. SUNY האט מער ווי 70 נורסינג פראגראמען איבער אונדזער סיסטעם, אבער אסאך פון זייערע סטודענטן מוטשן זיך צו טרעפן א הויך-קוואליפיצירטע קלינישע פאזיציע לעבן זייער קאלעדזש. נישט האבנדיג גענוג הויך-קוואליפיצירטע קלינישע פאזיציעס, קענען די נורסינג פראגראמען איבער ניו יארק זיך נישט פארשפרייטן צו קענען צושטעלן די וואקסנדיגע פארלאנג אנצופילן די סטעיטס נורסינג געברויכן. איך וואלט געוואלט באדאנקען אונדזערע שותפים אין CICU, CUNY, און די ניו יארק סטעיט

עדיוקעישן דעפארטמענט פארן ארבעטן צוזאמען צו לייזן די דרינגעוודיגע ארבעטשאפט און העלטקעיר ארויסרוף."

**CUNY קאנצלער פעליקס וו. מאטאס ראדריגעס האט געזאגט,** "ניו יארק דארף ווייטער האבן מער קוואליפיצירטע, אטעסטירטע נורסעס, און דער נורסינג סימולאציע ביל וועט ערלויבן נורסינג סטודענטן אריינגיין אינעם ארבעטשאפט גיכער אָן אויפגעבן זייער שטרענגע טראנירונג. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און לעגיסלאטיווע פירער פאר דעם שכל'דיגן מיטל צו פארלייכטערן די סטעיטס נורסינג אויספעל און אריינגעמען CUNY נורסינג סטודענטן אינעם העלטקעיר ארבעטשאפט וואו זיי פעלן אויס נייטיג."

**פרעזידענט פון די קאמיסיע איבער אומאפהעניגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, לאָולע וו. ברעבהעם, האט געזאגט,** "א דאנק אייך, גאווערנער האקול, פאר אייער אנפירערשאפט און פאר ארבעטן שנעל אונטערצושרייבן די קריטישע לעגיסלאציע. עס איז א וויכטיגער שריט צו אדרעסירן ניו יארקס קריטישער נורסינג אויספעל און מיר זענען דאנקבאר צום לעגיסלאטור און אונדזערע אויסערגעוויינלעכע שותפים אין SUNY, CUNY, און די ניו יארק סטעיט עדיוקעישן דעפארטמענט פאר זייער נאענטע קאלאבאראציע אויף דער לעגיסלאציע. מיר זענען גליקלעך צו האבן אזא גאווערנער וואס האלט ווערטפול די העכערע עדיוקעישן, האט אן אומוואקלדיגע איבערגעגעבנקייט צו אינוועסטירן אין דער צוקונפט פון ניו יארקס ארבעטשאפט, און פארשטייט אז העכערע עדיוקעישן, סיי פובליק סיי פריוואט, אנטוויקלט דעם נעקסטן דור פון אונטערנעמערס, עדיוקעיטערס, און העלטקעיר ארבעטער וואס אונדזער סטעיט נייטיגט זיך."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418